# די פּרעסע ביי יידן אין אויסטראַליע

## איבערבליק איבערן יידיש־ענגלישן און יידישן פּרעסעוועזן אויף דעם פינפטן קאָנטינענט זינט 1842

פון

### פּ. גאָלדהאַר

די פּרעסע פון דעם יידישן קיבוץ אין אויסטראַליע האָט שוין הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט פון קרוב 100 יאָר. זי איז אַנטשטאַנען כמעט גלייכצייטיק מיט דעם אויסטראַליש־יידישן יישוב און איז געווען פון די סאַמע ערשטע פאַקטאָרן אין זיין געזעלשאַפטליכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. זי האָט אָן שום ספק געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער געשטאַלטונג פון דעם גאַנצן יידישן לעבן אויף דעם פינפטן קאָנטינענט. מען קאָן, נישט איבערטרייבנדיק זאָגן, אַז די פּרעסע איז נאָכגעגאַנגען דעם אויסטראַליש־יידישן קיבוץ ממש טריט נאָך טריט כמעט פון סאַמע אָנהויב פון זיין אַנטשטייאונג. ביידע שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט, און אויב מען וויל אַביסל טיפער אַריינדרינגען אין דעם תוך פון דעם היגן יידישן לעבן, קאָן מען זיך לחלוטין נישט באַגיין אָן אַ גרינטליכער פאָרשונג פון דער אויסטראַליש־יידישער פּרעסע. די לעצטע איז אויך אַ גאָר וויכטיקער דאָקומענט פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין אויסטראַליע און איז אין אַ סך פּרטים דער איינציקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן דער געשיכטע פון דעם היגן יידנטום.

די אויסטראַלישע יידן האָבן, צום באַדויערן, נישט אַרויסגעוויזן גענוג פאַרשטענדעניש נישט נאָר געהעריק אויסצופאָרשן, נאָר אפילו צונויפצוזאַמלען און צו פּרעזערווירן די פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס דערשיינען שוין ביי זיי אין משך פון אַ קנאַפּן יאָרהונדערט. עס איז אין גאַנץ אויסטראַליע נישט פאַראַן קיין איינציקע יידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַ פּרעסע־אַרכיוו.





אַ סך וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אויסגאַבעס זענען אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען, און בלויז צופעליקע און נאַכלעסיק־געזאַמלטע קאָמפּלעטן פון די פריִע אויסגאַבעס קאָן מען געפינען אין די אויסטראַלישע עפנטליכע ביבליאָטעקן און מלוכה־אַרכיוון. עס איז דעריבער כמעט אוממעגליך אַדורכצופירן אַ גרינטליכע פאָרשונג פון דער אויסטראַליש־יידישער פּרעסע. ביז איצט איז געמאַכט געוואָרן איין־איינציקער פּרוּוו אויף דעם דאָזיקן געביט. דאָס איז אַ קליינע בראָשור פון 15 זייטלעך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1931. די בראָשור איז אַ באַריכט פון אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער פּרעסע אין אויסטראַליע, וואָס דער יידיש־אויסטראַלישער פאָרשער, פּערסי מאַרקס, האָט געהאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור־סאָסייטי אין סידנעי. אין דער בראָשור ווערט איבערגעגעבן אַ קורצער, כראָניקאַלישער באַריכט וועגן דעם יידישן פּרעסע־וועזן אין אויסטראַליע. זי איז, ווי געזאָגט, די איינציקע אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט, און אין אונזער איצטיקן אַרטיקל שטיצן מיר זיך אויף איר אין אַ גרויסער מאָס, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן די ערשטע אָנהויבן פון דעם אויסטראַליש־יידישן צייטונגס־וועזן.

שוין אַזוי פרי ווי אין יאָר 1842 האָבן די יידן אין אויסטראַליע געהאַט אַן אייגענעם פּרעסע־אָרגאַן מיטן נאָמען „די וואָיס אָף דזשייקאָב”. אייגנטליך איז דאָס געווען אַ לאָנדאָנער אויסגאַבע, אַגב פון די סאַמע ערשטע ענגליש־יידישע פּרעסע־אָרגאַנען. זי האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין סעפּטעמבער 1841. ווען די ערשטע נומערן פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זענען אָנגעקומען קיין סידנעי, האָט איינער, אַ דזשאָרדזש מאָסס, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין סידנעי אַן אויסטראַלישע אויפלאַגע פון דער זעלבער צייטונג. דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 27טן מאַי, 1842, אין גענוי דעם זעלבן פאָרמאַט וואָס די לאָנדאָנער אויסגאַבע, כדי די לעזערס זאָלן קאָנען, ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם ערשטן לייט־אַרטיקל, האַלטן ביידע אויסגאַבעס צוזאַמען איינגעבונדן. דער סידנעיער „וואָיס אָף דזשייקאָב” האָט געהאַלטן 8 זייטן און איז דערשינען אַלס אַ חודשדיקע אויסגאַבע.

דער גרעסטער טייל אַרטיקלען און ידיעות איז געווען איבערגעדרוקט פון דער לאָנדאָנער אויפלאַגע, און בלויז עטליכע כראָניקנאָטיצן האָבן צוגעגעבן דער צייטונג אַ לאָקאַל־אויסטראַלישן כאַראַקטער. אין דעם ערשטן נומער ווערט אָנגעגעבן די צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אויסטראַליע, לויט דער מלוכהשער סטאַטיסטיק פון יאָר 1841. לויט אָט־דער סטאַטיסטיק האָט די יידישע באַפעלקערונג אין אויסטראַליע געציילט 856 נפשות. 554 יידן האָבן געלעבט אין און אַרום סידנעי, און אין וויקטאָריאַ, וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט גערופן פּאָרט פיליפּ דיסטריקט, האָבן געוווינט סך־הכל 57 יידן. דער סידנעיער „וואָיס אָף דזשייקאָב" האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום און זיך ליקווידירט נאָך דריי נומערן אין סעפּטעמבער 1842. אין דעם לעצטן נומער באַקלאָגט זיך דער אַרויסגעבער אויף דעם קנאַפּן אינטערעס, וואָס די אויסטראַלישע יידן האָבן אַרויסגעוויזן לגבי זייער ערשטער צייטונג, וועלכע האָט צוליב נישט גענוגנדיקער פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג זיך נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

ערשט נאָך אַ הפסק פון קנאַפּע 20 יאָר איז די אויסטראַליש־יידישע פּרעסע אויפגעשטאַנען תחית המתים. אין יאָר 1861 האָט אין מעלבאָרן אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ צייטונג „די אויסטראַלעיזשן דזשואיש קראָניקל". עס איז אָבער פון דער דאָזיקער אויסגאַבע נישט פאַרבליבן קיין שום זכר, און עס זענען נישט פאַרהאַן קיין שום פּרטים וועגן איר.

אין מעלבאָרן איז אויך געבוירן געוואָרן דער דריטער פּרווו פון אַן אויסטראַליש־יידישן פּרעסע־אָרגאַן. דאָס איז געווען „די „אויסטראַליען איזראַאַעליייט", אַ וועכנטליכע אויסגאַבע אונטער דער רעדאַקציע פון מר. סאַלאַמאָן דזשאָזעף. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין 8 זייטן דעם 20טן יוני 1871. אויך די צייטונג האָט נישט באַקומען קיין געהעריקע פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג און האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן דעם 26טן יוני, 1874 נאָך אַ נישט־רעגולערן דערשיינען פון 45 נומערן.

„די אויסטראַליען איזראַאַעליייט" איז פאַר דעם געשיכטעפּעריאָד פון דעם יידישן קיבוץ אין אויסטראַליע אַ ווערטפולער





און אינטערעסאַנטער דאָקומענט. עס געפינען זיך דאָרט אַ סך ידיעות פון היסטאָרישער וויכטיקייט, ווי למשל, די אויספירליכע באַריכטן וועגן דער אַנטשטייאונג פון די ערשטע קהילות אין סענט־קילדאַ און אין סענדהאַרסט (בענדיגאָ). פון גאַנץ באַזונדערן אינטערעס זענען די ידיעות וועגן דעם אַנטייל פון דעם יידישן קיבוץ אין דעם פּאָליטישן לעבן אין אויסטראַליע. עס ווערט דערציילט מיט אַלע פּרטים וועגן דער באַשטימונג פון דעם ייד, שאול סעמיועלס, אַלס אַ מיניסטער אין דער רעגירונג פון הענרי פּאַרקס, און דערביי ווערט אויך איבערגעגעבן ווי אַזוי די אויסטראַלישע עפנטליכע מיינונג האָט אויפגענומען די דאָזיקע באַשטימונג. „די אויסטראַליען איזראַאַעלייט" ציטירט פון דער אַלגעמיינער פּרעסע: „ווידעראַמאָל איז די יידישע פּאַרטיי (?) אַן אַנערקענטע מאַכט אין דעם שטאַט און סימפּאַטיזירט גאָר שטאַרק מיט דער פּאַרטיי פון מר. קאופּער און מר. ראָבערטסאָן. אָפּצווענדן די דאָזיקע מאַכט פון דער אָפּאָזיציע און זי אויסנוצן פאַר אייגענע אינטערעסן איז געווען אַ פּאָליטישער מאַנעווער פון דעם דורכגעטריבענעם הענרי פּאַרקס. ער האָט גוט געוווסט אַז מר. סעמיועלס איז איינער פון די פירנדיקע פאַרשטייערס פון דעם יידישן קיבוץ און איינער פון זיינע אַממערסטן פאַרטרויליכע פּאָליטישע פירערס. ער האָט דעריבער באַשטימט מר. סעמיועלס אַלס אַ פאַרשטייער פון דער רעגירונג אין פּאָרטפעל אין סענאַט".

צו די אויסגאַבעס פון גאָר גרויסן אינטערעס געהערט אָן שום ספק די ערשטע און וואַרשיינליך אויך איינציקע יידישיוגנטליכע אויסגאַבע אין אויסטראַליע, „די דזשואיש סקול־באָי". די דאָזיקע אויסגאַבע איז דערשינען אין יאָר 1873 אין עטליכע נומערן לויט דער איניציאַטיוו פון די תלמידים פון דער „שבת־שולע" אין אַדעלאַיד. עס איז אָבער נישט פאַרבליבן קיין איינציקער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער טשיקאַווער אויסגאַבע, וואָס וואָלט געגעבן אַ גוטע געלעגנהייט זיך אַביסל צו באַקענען מיט דער אויסטראַלישער יידישער יוגנט פון יענער צייט.

אין יאָר 1875 האָט אין מעלבאָרן אָנגעהויבן דערשיינען אַ

חודשדיקער ליטעראַרישער זשורנאַל א. נ. „די דיאַלעטיק". די אויפגאַבע פון אָט דעם זשורנאַל איז געווען צו פאַרעפנטליכן די לעקציעס און רעפעראַטן, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין דער מעלבאָרנער יידישער ליטעראַרישער סאָסייטי. דער זשורנאַל האָט אחוץ דעם אויך געבראַכט יידישע וועלט־נייעס און נאָטיצן פון יידיש־געזעלשאַפטליכן לעבן אין אויסטראַליע. אויך די דאָזיקע אויסגאַבע האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום און אויפגעהערט צו דערשיינען נאָך 7 נומערן. פּערסי מאַרקס גיט איבער אין זיין פריער דערמאָנטער בראָשור, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין איינציקן פאַרבליבענעם עקזעמפּלאַר פון דעם „די דיאַלעטיק". צופעליק האָט ער אין אַן אַלטוואַרג־געשעפט אָנגעטראָפן אויף אַ געבונדענעם קאָמפּלעט פון דעם זשורנאַל, וואָס איז אַ דאַנק דעם געראַטעוועט געוואָרן פון פולשטענדיקער פאַרגעסנקייט.

צו די וויכטיקסטע יידיש־אויסטראַלישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס געהערט דער „דזשואיש העראַלד", וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסצוגיין אין מעלבאָרן אין דעצעמבער 1879 און דערשיינט ביזן היינטיקן טאָג. לכתחילה איז דער „דזשואיש העראַלד" דערשינען איינמאָל אַ חודש, אָבער גאָר אינגיכן איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוויי־וועכנטליכע אויסגאַבע. די דאָזיקע צייטונג האָט פּרעטענדירט צו זיין דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אויסטראַלישן יידנטום, און אַלס אַזעלכער האָט זי געבראַכט ידיעות און באַריכטן פון אַלע יידישע קיבוצים אין אויסטראַליע און אויך פון ניי־זעלאַנד. עס זענען דאָרט אויך פאַרעפנטליכט געוואָרן קאָרעספּאָנדענציעס פון ענגלאַנד און אַמעריקע און בכלל יידישע וועלט־נייעס. אין יאָר 1883 האָט דער „דזשואיש העראַלד" אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אַ באַזונדערע סידנייער אויפלאַגע, וואָס האָט זיך כמעט מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון דער מעלבאָרנער אויסגאַבע. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „דזשואיש העראַלד" איז געווען דער רעווערענד פון דער סינאַגאָגע אין סענט־קילדאַ, בלאַובאַום, וועלכער איז געווען אַ מאַן פון הויכער יידי־





שער און אַלגעמיינער בילדונג און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בעסערן ליטעראַרישן געשמאַק. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם „דזשואיש העראַלד" אויף אַ לפי־ערך הויכער זשורנאַליסטישער מדרגה. דער „דזשואיש העראַלד" האָט נישט נאָר אינפאָרמירט די לעזערס וועגן וויכטיקע געשעענישן אין דער יידישער וועלט און געהעריק רעאַגירט אויף זיי, נאָר איז אויך געווען וואַך צו די פאַרשידענע דערשיינונגען און פּראָבלעמען אין דעם לעבן פון דעם אויסטראַלישן יידנטום.

אָט, למשל, געפינען מיר אין „דזשואיש העראַלד" פון יאָרגאַנג 1881 אַן אינטערעסאַנטן אָפּקלאַנג וועגן די פּאָגראָמען, וואָס האָבן צו יענער צייט געבושעוועט אין רוסלאַנד. די צייטונג האָט געבראַכט אויספירלעכע ידיעות וועגן די פּאָגראָם־געשעענישן און רעאַגירט אויף זיי אין כסדרדיקע אַרטיקלען און אויפרופן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס איז ממש אויפגעשטורעמט געוואָרן די גאַנצע עפנטליכע מיינונג אין אויסטראַליע. עס איז אונטערגענומען געוואָרן לטובת די פּאָגראָם־קרבנות אַ ברייטע הילף־אַקציע, אין וועלכער דער „דזשואיש העראַלד" האָט גענומען אַ פירנדיקן אָנטייל. די אַקציע איז דורכגעגאַנגען מיט אַזאַ ריזיקן דערפאָלג, אַז זי קאָן פאַררעכנט ווערן צו די גרעסטע יידישע הילפס־אַקציעס, וואָס זענען ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אויסטראַליע. דער לאָרד מעיאָר פון מעלבאָרן האָט אין אויגוסט 1881 גערופן אין טאָון־האָל אַ מאַסן־מיטינג פון דער אַלגעמיינער מעלבאָרנער באַפעלקערונג, און אין דעם מיטינג האָבן זיך באַטייליקט מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט און די אָנגעזעענסטע בירגער. דער סיטי־קאָונסיל האָט אומזיסט אָפּגעגעבן די צימערן פון טאָון־האָל פאַר אַ זיץ־אָרט פון דעם הילפס־קאָמיטעט, און די ענגליש־סקאָטישע באַנק האָט איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן דאָס געזאַמלטע געלט אינגאַנצן אומזיסט. אין מעלבאָרן איז לטובת דער אַקציע געזאַמלט געוואָרן איבער 2000 פונט, אַ לפי ערך ריזיקע סומע לויט דער דאַמאָלדיקער קליינער יידישער באַפעלקערונג. דעם גרעסטן חלק אין דעם דערפאָלג און אין דעם ברייטן פאַרנעם פון דער אַקציע האָט געהאַט דער „דזשואיש הע־

ראַלד". די צייטונג איז אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָגראָמען ארויסגעקומען מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אין אויסטראַליע אַגראַר־קאָלאָניעס פאַר די פּאָגראָם־נעליטענע יידן אין רוסלאַנד.

אויך אַנדערע אַלגעמיין־יידישע און לאָקאַל־יידישע פּראָבלעמען האָבן געפונען אין „דזשואיש העראַלד" אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג. עס איז דאָרט, למשל, אין דעמזעלבן יאָרגאַנג 1881 געפירט געוואָרן אַ ליידנשאַפטליכע פּאָלעמיק וועגן דער יידישער יוגנט אין אויסטראַליע, און באַזונדערס וועגן די יידישע מיידלעך, אַז זיי דערווייטערן זיך פון דעם יידישן לעבן און ברענגען אריין די אַסימילאַציע אין דער יידישער היים. אויך איז אויף די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער צייטונג ברייט באַהאַנדלט געוואָרן דער גרים־פּראָבלעם, און מען מוז מודה זיין, אַז אָט דער ספּעציפישער יידיש־אויסטראַלישער פּראָבלעם, איז מיט עטליכע און פופציק יאָר צוריק באַהאַנדלט געוואָרן אַ סך זאַכליכער און ערנסטער, ווי עס טוען דאָס די וואָרט־פירערס פון דער יידיש־אויסטראַלישער פּרעסע ביים היינטיקן טאָג.

די עטליכע געבראַכטע ביישפּלין באַווייזן די הויכע געזעלשאַפטליכע און זשורנאַליסטישע מדרגה, אויף וועלכער דער „דזשואיש העראַלד" האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ. די צייטונג איז געוואָרן זייער באַליבט ביים גאַנצן יידישן כלל אין אויסטראַליע און האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דעם היגן יידיש־געזעלשאַפטליכן לעבן.

רעוורענד בלאַובאַום האָט געפירט די צייטונג ביז זיין טויט אין יאָר 1904. נאָך אים האָט די רעדאַקציע איבערגענומען מר. מאָזעס, וועלכער האָט געהאַלטן דעם דאָזיקן אַמט ביזן יאָר 1911.

דער „דזשואיש העראַלד" דערשיינט ביזן היינטיקן טאָג, און דער איצטיקער רעדאַקטאָר איז זינט מער ווי אַ צענדליק יאָר ניומען ה. ראָזענטהאַל, אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט אין די ענגליש־יידישע קרייזן און דער אויסטראַלישער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור.

אַז ערנסטער פּרוּוו אויף דעם יידישן צייטונגס־געביט אין





אויסטראַליע איז געווען „די אויסטראַלעיזשן היברו", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין סידנעי אין נאָוועמבער 1895 אונטער דער רעדאַקציע פון דזשאָזעף גאָלדשטיין און גרעוויל טרעגערטהען, אַ באַקאַנטער אויסטראַלישער פּובליציסט און שריפטשטעלער, אַ קריסט. די צייטונג האָט אַ חוץ ידיעות און נאָטיצן פון יידישן לעבן אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַר אַלגעמיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע אָנגעלעגנהייטן, געדרוקט קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און אויך רעצענזיעס פון טעאַטערפאָרשטעלונגען. די צייטונג איז געווען אַ דערגרייכונג אין דעם קינסטלערישן זין, אָבער זי האָט גאַנץ קנאַפּ אויסגענומען ביי די אויסטראַלישע יידן. נאָכדעם ווי דזשייקאָב גאָלדשטיין איז ארויסגעטרעטן פון דער צייטונג, האָט זי דער פריער דערמאָנטער גרעוויל טרעגארטהען ווייטער ארויסגעגעבן, צוציענדיק אַלס מיטרעדאַקטאָר דעם אַדוואָקאַט דניאל לעווי, וועלכער האָט שפּעטער געמאַכט אַ גרויסע פּאָליטישע קאַריערע און איז היינט זינט יאָרן דער „ספּיקער" אין דעם פּאַרלאַמענט פון ניי־זיד־וועילס. „די אויסטר. היברו" האָט זיך ליקווידירט נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ אין נאָוועמבער 1896.

גלייכצייטיק מיטן „אויסטר. היברו" האָט אין סידנעי אָנגעהויבן ארויסגיין דער „היברו סטענדערד", וואָס עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז געווען אַ וועכנטליכע אויסגאַבע פון 8 זייטן און איז געווען געווידמעט כמעט אויסשליסליך דעם קהילה־לעבן פון די יידן אין סידנעי. נאָכן דערשיינען פון צוויי נומערן האָט דער „היברו סטענדערד" זיך פאַרמאַכט, נישט קענענדיק אָפּנים אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון „אויסטראַלעיזשען היברו". אָבער נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט זיך ליקווידירט, האָט דער „היברו סטענדערד" אויפסניי אָנגעהויבן צו דערשיינען און האַלט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

חוץ דעם עקזיסטירנדיקן „היברו סטענדערד" אין סידנעי און דעם „דזשואיש העראַלד" אין מעלבאָרן דערשיינט היינט־צוטאָג נאָך אַ דריטער אָרגאַן, „די וועסטרעיליען דזשודיען", אַ חודשדיקער זשורנאַל, וואָס גייט ארויס אין פּערט, מערב־אויסט־

ראַליע, שוין דאָס ניינטע יאָר. אין דער דאָזיקער אויסגאַבע אַר־
בעטן־מיט די בעסטע ענגליש־ייִדישע שרייבערישע כוחות אין
אויסטראַליע, און זי גיט־אָפּ אַ סך אָרט פאַר ליטעראַטור און
פּובליציסטיק. לאָקאַלע כראָניק און פּערזענליכע נאָטיצן, וואָס
פאַרנעמען געוויינליך דעם אויבן־אָן אין די אויסטראַליש־ייִדי־
שע פּרעסע־אויסגאַבעס, ווידמעט דער „וועסטראַליען דזשודיען"
אַן אומבאַדייטנדיקן פּלאַץ.

„די אויסטראַליען דזשואיש ניוס", וואָס דערשיינט וועכנט־
ליך אין מעלבאָרן אין משך פון די לעצטע 2 יאָר, איז די, אין
זייטן־פאַרנעם, גרעסטע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבע אין
אויסטראַליע. זי דערשיינט צוזאַמען מיט דעם איינציקן אויסט־
ראַלישן פּרעסע־אָרגאַן אין דער ייִדישער שפּראַך „די ייִדישע
נייעס", און מיר וועלן זיך דעריבער גענויער אָפּשטעלן איבער
דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט, ווען מיר וועלן רעדן וועגן דער אויסט־
ליש־ייִדישער פּרעסע אויף ייִדיש.

ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַ ייִדיש־ענגליש וואָכנבלאַט,
„די אויסטראַליען דזשואיש קראָניקל", וואָס האָט אָנגעהויבן צו
דערשיינען אין סידנעי אין יאָר 1930 און האָט זיך ליקווידירט
נאָך אַ עקזיסטענץ פון אַ יאָר צייט. „די אויסטר. דזשואיש קראָ־
ניקל" איז געווען אַ גרויסע פאַרמעסטונג אויף דעם ייִדישן ציי־
טונגס־געביט אין אויסטראַליע. די דאָזיקע צייטונג האָט אין
קעגנזאַץ צו אַלע איבריקע אויסטראַליש־ייִדישע אויסגאַבעס גע־
טראָגן אַ מער וועלטליכן כאַראַקטער און האָט זיך בכלל באַמיט
אַרויסגיין פון די ענגע ד' אמות פון לאָקאַלע פאַראינטערעסירונ־
גען, אַוועקשטעלנדיק זיך אויף אַן אַלוועלטליך־ייִדישן שטאַנד־
פּונקט. די צייטונג איז געווען שיין אַרויסגעגעבן מיט אַ סך אי־
לוסטראַציעס און פאַרעפנטליכט איבערזעצונגען פון דער מאָ־
דערנער ייִדישער און העברעאישער ליטעראַטור. זי האָט אויך
געדרוקט רעפּראָדוקציעס פון ייִדישע בילדער און בכלל זיך גע־
מיט צו באַקענען די לעזערס מיט דער מאָדערנער ייִדישער קול־
טור און קונסט. „די אויסטר. דזשואיש קראָניקל" האָט זיך אָרי־
ענטירט אויסגעשפּראָכן ציוניסטיש, אָבער נאָך מיט עטליכע





יאָר צוריק האָט דער ציוניזם אין אויסטראַליע פאַרנומען אַן אומ־
באַדייטנדיקע געזעלשאַפטליכע פּאָזיציע, און די צייטונג האָט
נישט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג מצד דעם היגן ייִדישן
כלל. זי האָט זיך דעריבער פאַרמאַכט נאָך אַ קורצער איין־יאָרי־
קער עקזיסטענץ.

עס איז נישט אויפן פּלאַץ אין דעם־אָט אַרטיקל צו געבן אַ
ברייטערע קריטישע אָפּשאַצונג וועגן דעם צושטאַנד פון דער
ייִדישער אויסטראַלישער פּרעסע ביים היינטיקן טאָג. די אויפגאַ־
בע פון דעם אַרטיקל איז צו געבן בלויז אַ געשיכטליכן איבער־
בליק וועגן דעם ייִדישן פּרעסע־וועזן אין אויסטראַליע. דאָך קאָן
מען נישט אַרויסגייענדיק פון די ראַמען פון אָט־דער אויפגאַבע
זאָגן, אַז די ייִדיש־אויסטראַלישע פּרעסע ביי איר איצטיקן צו־
שטאַנד שטייט נישט אויף דער אַנטוויקלונג־מדרגה, וואָס מען
האָט געמעגט דערוואַרטן נאָך אַן עקזיסטענץ פון אַ קנאַפּן יאָר־
הונדערט. די היינטיקע ייִדיש־אויסטראַלישע צייטונגען זענען
נישט אַוועקגעגאַנגען קיין סך ווייטער פון זייערע פאָרגייערס
זינט 1842. הגם זיי האָבן אַלע אָן אויסנאַם געביטן זייער אסימי־
לאַטאָריש־יאַהודישע אָריענטאַציע און שטייען שטאַרק אונטערן
איינפלוס פון ציוניזם, דאָך האָבן זיי נאָך אַלץ נישט באַוויזן
אַרויסצוגיין פון די ענגע גרעניצן פון די לאָקאַלע קהילה־אינטע־
רעסן, קולטורעלע אויפטרייסלונגען איבער דער גאַנצער ייִדישער
וועלט ביים היינטיקן טאָג געפינען קוים אַן אָפּקלאַנג אויף זייע־
רע שפּאַלטן.

*   *   *

אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם צייטונגס־וועזן פון דעם
ייִדיש־אויסטראַלישן קיבוץ פאַרנעמט די פּרעסע אין דער ייִדי־
שער שפּראַך. דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ פּרע־
סע־אָרגאַן אין ייִדיש האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַקטועל, ווען עס
האָט מיט אַ יאָר 10־11 צוריק אָנגעהויבן שטראָמען אַהער אַ
ייִדישע עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע און בעיקר פון פּוילן. עס
זענען אָבער נישט געווען קיין שום טעכנישע מעגליכקייטן צו

ברענגען אין לעבן אַזאַ זאַך. קיין יידישע דרוקעריי איז דאָ ניט געווען און אַראָפּצוברענגען מעבר לים אַ יידישן דרוקער מיט יידישע שריפט איז געווען אַ צו שווערע און צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג. דער שרייבער פון די שורות, האָבנדיק אַביסל דערפאַרונג אַלס יידישער זשורנאַליסט אין לאָדזש, האָט צוזאַמען מיט עטליכע נייאָנגעקומענע עמיגראַנטן, פריינט פון געדרוקטן יידישן וואָרט, פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אין מעלבאָרן אַ העקטאָגראַפירטע צייטונג אין יידיש. אָבער דער פּראָיעקט איז נישט צושטאַנד געקומען, מחמת גראַד דאַמאָלס, עס איז געווען יאָר 1927, האָט דער עמיגראַציע־שטראָם קיין מעלבאָרן געבראַכט אַהער אַ יידישן דרוקער, דוד אַלטשול. אַלטשול האָט איינגעזען, אַז עס איז דאָ פאַרהאַן פּלאַץ פאַר אַ יידישער צייטונג, ער האָט זיך אַריינגענומען אין געדאַנק אָט אַזאַ זאַך אַדורכצופירן. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַביסל יידישע שריפט, גענוג אפשר אויף אויסצוזעצן אַ חתונה־קאַרטע, און דערצו נאָך איז ער געווען אַ קנאַפּער פאַכמאַן אַלס זעצער. ער איז אָבער געווען אַזוי איבערגענומען מיט זיין געדאַנק אַרויסגעבן אין אויסטראַליע אַ יידישע צייטונג, אַז קיין שום מניעות האָבן נישט געקענט אים אָפּשלאָגן פון זיין פּלאַן. ער האָט נישט גערוט, אָפּגעריבן די שוועלן ביי די איינפלוסרייכע יידן, געשטורעמט די קאָמיטעטן פון די היגע יידישע אָרגאַניזאַציעס, מען זאָל אים העלפן אַדורכצופירן זיין פּלאַן, אָבער אומעטום האָט־מען אים באַגעגנט מיט אַ קנאַפּן ענטוזיאַזם. מען האָט געצווייפלט אין די עקזיסטענץ־מעגליכקייטן פון אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע, און בכלל איז דאָ דער געדאַנק וועגן אַזאַ זאַך געווען אַזוי פרעמד און ניי, אַז אפילו די פירערס פון דער היגער אינסטיטוציע „קדימה", וואָס האָט געפירט אַ קולטור־טעטיקייט אין יידיש, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערשטיצן אַלטשולן אין זיינע באַמיאונגען.

אָבער אַלטשולס ענטוזיאַזם איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן. ער האָט זיך דערשלאָגן צום רעדאַקטאָר פון „דזשואיש העראַלד", נ. ראָזענטהאַל און ער האָט אויף אים סוף כל סוף געווירקט צו געבן אין זיין צייטונג אַ ביילאַגע אין יידיש. מיט זיין ביסל





שריפט פון כל המינים און גרויסן האָט אַלטשול זיך גענומען צו דער אַרבעט, און אין אָנהויב 1928 איז דער „דזשואיש העראַלד" דערשינען מיט אַ יידישער ביילאַגע פון איין זייטל. דער דאָזיקער יידישער „פּיידזש" איז אַן אמתער קוריאָז פון זשורנאַליסטישן און דרוקערישן שטאַנדפּונקט. די עטליכע נאָטיצן, וואָס זענען אַריין אין דער ביילאַגע, זענען געשריבן אין אַן אויסטערלישן דייטשמעריש־ענגליש־יידישן זשאַרגאָן, און נישט נאָר יעדער נאָטיץ, נאָר יעדעס וואָרט באַזונדער איז געזעצט מיט פאַרשידנערליי שריפטן. די יידישע ביילאַגע אין „דזשואיש העראַלד" האָט זיך געענדיקט מיט דעם דאָזיקן ערשטן עקספּערימענט.

אַלטשול איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. עס איז גראַד דאַמאָלס אַנטשטאַנען אַ מחלוקה צווישן צוויי מעלבאָרנער רבנים, א־ן אַזוי ווי איינער פון זיי האָט געהאַט אויף זיין זייט דעם „דזשואיש העראַלד", האָבן די אָנהענגערס פונם צווייטן צד באַשלאָסן זיך איינצושאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן. אַלטשול מיט זיינע צייטונגס־פּראָיעקטן איז גראַד געווען צו דער האַנט, און דעם 24טן פעברואַר 1928 איז אין מעלבאָרן דערשינען אַ נייע צייטונג, אייגנטליך די ערשטע יידישע צייטונג אין אויסטראַליע, א. נ. „דער יידישער פּיאָנער". די צייטונג איז געווען האַלב אויף יידיש און האַלב אויף ענגליש. אויף דער הילע פון דעם ענגלישן טייל האָט דער רעדאַקטאָר, רעווערענד לעאָפּאָלד גאַראַן, אָפּגעדרוקט זיין פּאָטרעט מיט אַן אונטערשריפט אויף ענגליש: דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון „דער יידישער פּיאָנער". דער יידישער טייל האָט זיך אָנגעהויבן מיט „שהחינו" געדרוקט מיט גרויסע אותיות. כדי דער לעזער זאָל זיך קענען מאַכן אַ באַגריף, ווי „דער יידישער פּיאָנער" האָט אויסגעזען, וועלן מיר ברענגען דעם לייט־אַרטיקל וואָרט ביי וואָרט. אויך די אָרטאָגראַפיע וועלן מיר געבן אומפאַרענדערט:

ברוך
שהחינו וקימנו והגיענו
לזמן הזה.

מיט דעם אָנפאַנג פון דעם יודישען פּיאָנער בעטען מיר דאָס

געהרטע פּובליקום אַז זיי זאָלען אונז ענטשולדיגען פאַר דעם וואָס ער איז אין אַזאַ קליינעם פאָרמאַט ערשיענען ווייל כל התחלות קשות.

מיט דער ערשיינונג פון דעם יידישען פּיאָנער פאַנגט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אויסטראַליער יודען און מי קען גאַנץ ערנסט מאַכען די ברכה שהחינו און מיר האָפען אַז מיט דער הילף פון דעם געהרטן יודישען פּובליקום דאָס איינגיכען צו פאַרבעסערען.

אונזער אויפגאַבע איז אריין צו ברענגען אין דיא הערצער פון אונזערע ברידער אונדשוועסטער דיא ליבע צום יודענטום.

און כדי צו ערוועקען אין זיי דעם גייסט וועלכעם זאָל ברענגען איין פאַראייניגונג פון אונזערע צו וואַרפענע יודען אין אויסטראַליען. מיר האָבען קיין צווייפעל נישט אַז דאָס יודישע פּובליקום וועלכע האָט געמאַכט דאָס לאַנד פאַר זייער היימאַט וועט בעגריס. דיזע ערשיינונג מיט באַגייסטערונג אונד וויא אויך שטיצען אונז אין אַזאַ נאַטהיגער אונטערנעהמונג מאַטעריעליש גייסטליך און וויסענשאַפט כדי צו געב. אונז אַ מעגליכקייט צו וואַקסען גרעסער אונד גרעסער. —

„דער יידישער פּיאָנער" איז נישט באַגריסט געוואָרן מיט באַגייסטערונג, ווי עס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די ארויסגעבערס און ער האָט זיך פאַרמאַכט נאָך דעם ערשטן דעביוט זיינעם.

די אומגעלונגענע פּרוון פון „דזשואיש העראָלד" און פון „דער יידישער פּיאָנער" האָבן אָבער געהאַט אַ פּעולה: דער געדאַנק וועגן אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן די פאָרשטייערס פון דער יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ אין אויסטראַליע, און עטליכע פירערס פון דער פריערדערמאָנטער „קדימה" האָבן געמאַכט אַן ערנסטן פּרוו צו גרינדן אַ צייטונג אין יידיש. די איניציאַטאָרן דערפון, דר. א. פּאַטקין, הערש מינץ און א. נ. בר־כהן, האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ יידישן דרוקער אין סידנעי, מר. סטאַליאַר, וועלכער האָט אָפּגעקויפט אביסל יידישע שריפט, וואָס איז אַ דאַנק אַלט־





שולס באַמיאונגנען געבראַכט געוואָרן פון דייטשלאַנד, און מען איז צוגעטרעטן צו דער אויסגאַבע פון אַ יידישער צייטונג. עס זענען אָבער אַנטשטאַנען געוויסע שוועריקייטן, און דער גאַנצער פּראָיעקט האָט זיך געענדיקט מיט אַ געדרוקטן יידישן אויפרוף, וואָס דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזן אין שייכות מיט דער געפּלאַנטער אויסגאַבע.

נאָך אָט די אַלע דורכגעפאַלענע פּרוון האָבן אפילו די סאַמע הייסטע ענטוזיאַסטן אויפגעגעבן די האָפנונג פון אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע. אַלטשול אָבער האָט שטילערהייט ווייטער געאַרבעט, כדי צו פאַרווירקליכן זיין פּלאַן. ער האָט ביסלעכווייז איינגעקויפט יידישע שריפט, אַראָפּגעבראַכט פון פּאַלעסטינע זיינעם אַ זון, אַ געניטן יידישן זעצער און דרוקער, און סוף כל סוף איז דעם 16טן יאַנואַר 1931 ארויס דער ערשטער נומער פון אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע „אויסטראַליער לעבן". דער שרייבער פון אָט־די שורות איז צוגעצויגן געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן נאָרמאָל צו דערשיינען וואָך ביי וואָך. די ערשטע צוויי נומערן זענען ארויס אין 4 זייטלעך פון קליינעם פאָרמאַט, אָבער דער דריטער נומער האָט שוין געהאַלטן 6 זייטן און דערנאָך זיך ווייטער פאַרגרעסערט ביז 8 זייטן.

דער „אויסטראַליער לעבן" איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דעם לעזער־עולם. די רעדאַקציע האָט בסדר דערהאַלטן בריוו פון דאַנק און אַנערקענונג, און אַלס מיטאַרבעטער, נישט נאָר אין רעדאַקציע נאָר אויך אין דער אַדמיניסטראַציע, זענען פרייוויליק צוגעטרעטן די בעסטע פאָרשטייערס פון דער יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ אין מעלבאָרן. אָבער פינאַנסיעל האָט די צייטונג געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג. די צאָל אַבאָנענטן איז געווען גאָר אַ קליינע, און עס איז געווען זייער שווער צו באַקומען אַנאָנסן. נאָך די ערשטע 10 נומערן איז די פינאַנסיעלע לאַגע געוואָרן ביז גאָר קריטיש, עס איז מיט דער מיטהילף פון דער „קדימה" געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפטליכער קאָמיטעט ארויסצוהעלפן דער צייטונג פונם קריזיס. די יידישע אמאַטאָרן־

גרופּע, דער „פּאַראיין יידישע בינע" האָט לטובת דער צייטונג אויפגעפירט שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", און דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס מעגליך געמאַכט, אַז דער „אויסטר. לעבן" זאָל ווייטער דערשיינען.

צוויי יאָר צייט איז דער „אויסטר. לעבן" דערשינען אָן איבעררייס, ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט זיך אוועקשטעלן פינאַנסיעל אויף אַ פעסטן באָדן. אַלטשול האָט ענדליך זיך אַנטשלאָסן צו ליקווידירן די צייטונג, אָבער גראַד האָט זיך אונטערגערוקט אַ יידישער פינאַנסמאַן, לאַזאַר רובינשטיין, וועלכער האָט אָפּגעקויפט די צייטונג און זי ווייטער אַרויסגעגעבן.

וועלנדיק פאַרפעסטיקן די צייטונג פינאַנסיעל, האָט רובינשטיין אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם רעדאַקטאָר פון „דזשואיש העראַלד", ראָזענטהאַל, וועגן פאַראייניקן ביידע צייטונגען. די אונטערהאַנדלונגען זענען דערפירט געוואָרן צו אַ גינסטיקן רעזולטאַט, און אין יאָר 1934 האָבן ביידע צייטונגען זיך צונויפגעגאָסן און אָנגעהויבן צו דערשיינען אַלס אַ וועכנטליכע אויסגאַבע א. נ. „די דזשואיש וויקלי" מיט אַ יידישער ביילאַגע, „די יידישע וואָך". ביידע צייטונגען האָבן זיך דורך דער דאָזיקער פאַראייניקונג פאַרשטאַרקט, באַקומען אַ ברייטן לעזער־קרייז און געוואָרן די גרעסטע יידישע פּרעסע־אויסגאַבע אין אויסטראַליע.

צוליב דעם אָבער, וואָס דער „דזשואיש העראַלד" איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם מעלבאָרנער „אַדווייזאָרי באָאַרד" (קהילה־ראַט), און דער „אויסטר. לעבן" האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן וועלטליכן כאַראַקטער, זענען אויף דעם דאָזיקן באָדן אַנטשטאַנען שאַרפע סכסוכים צווישן די רעדאַקציעס פון דעם יידישן און פון דעם ענגלישן טייל פון דער צייטונג. דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער ביילאַגע, האָט סוף כל סוף זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט, און חיים רובינשטיין, דער פאָטער פון דעם אַרויסגעבער, איז באַשטימט געוואָרן אַלס יידישער רעדאַקטאָר.





די חילוקי דעות זענען אָבער דורכדעם נישט באַזייטיקט געוואָרן. עס האָבן זיך נאָך דערצו אַריינגעמישט געלט־קאָנפליקטן, און ביידע צייטונגען האָבן זיך אין יאָר 1935 צוריק פונאַנדערגעטיילט. דער „דזשואיש העראַלד" האָט צוריק אָנגעהויבן צו דערשיינען אַלס דער אָפיציעלער קהילה־אָרגאַן, אָבער אַנשטאָט אַ צוויי־וועכנטליכער אויסגאַבע, וואָס דער „דזשואיש העראַלד" איז געווען ביז דער פאַראייניקונג, האָט ער איצט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וועכנטליכער, און אַזוי דערשיינט ער ביז איצט, אונטער דער רעדאַקציע פון נ. ה. ראָזענטהאַל.

ל. רובינשטיין האָט, נאָכדעם ווי ביידע צייטונגען האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט, ווייטער אַרויסגעגעבן אַ וועכנטליכע צייטונג „די דזשואיש ניוס" מיט אַ יידישער ביילאַגע, „די יידישע נייעס". די צייטונג האָט אַ ברייטן לעזער־קרייז און איז פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אויסטראַליע.

נ. ה. ראָזענטהאַל האָט בעת דער צוזאַמענאַרבעט אין דעם „דזשואיש וויקלי" געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט קאָן זיין אַ גרויסער געזעלשאַפטליכער פאַקטאָר אין דעם יידישן לעבן אין אויסטראַליע, און ער האָט באַשלאָסן צו געבן אין דעם באַנייטן „דזשואיש העראַלד" אַ ביילאַגע אין יידיש. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען זענען אַלס מיטאַרבעטערס צוגעצויגן געוואָרן מ. ראַוויטש און אויך דער שרייבער פון די שורות. אין אַפּריל 1936 האָט דער „דזשואיש העראַלד" אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מיט אַ יידישער ביילאַגע פון 4 זייטן א. נ. „דער יידישער העראַלד". די ביילאַגע איז אָבער נאָך 7 נומערן ליקווידירט געוואָרן מחמת פינאַנסיעלע טעמים.

אַ חוץ די אויסגערעכנטע פּרעסע־אויסגאַבעס אין דער יידישער שפּראַך דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן „די געזערד־טריבונע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם מעלבאָרנער געזערד אין יאָר 1931. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געהאַט 16 זייטן, און געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטיש־ראַדיקאַלן כאַראַקטער. נאָך צוויי נומערן האָט די "געזערד־טריבונע"

זיך ליקווידירט. דער "געזערד" האָט לעצטנס ווידער אָנגעהויבן ארויסגעבן אַ זשורנאַל, "דאָס נייע וואָרט". דער ערשטער נומער איז דערשינען אין מערץ 1937, און אַנטהאַלט אַרטיקלען אין יידיש און אין ענגליש.

דאָס איז דער סך־הכּל פון דעם יידישן פּרעסע־וועזן אין אויסטראַליע. פאַר אַזאַ קליינעם און ווייט־פאַרוואָרפענעם יידישן קיבוץ איז אַזאַ סך־הכּל נישט ווי צום ערגסטן.



# די „ליבאַר־פּאַרטיי“

## אַ בליק אין דער געשיכטע און קעגנוואַרט פון דער אויס־טראַלישער „לייבאַר־פּאַרטיי“ (ארבעטער־פּאַרטיי) און די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען

פון

## שמעון זאַנדער

באַהאַנדלענדיק די פראַגען פון אויסטראַליער פּאָליטישע פּאַרטייען בכלל, און די ענטוויקלונג פון דער לייבאָר־פּאַר־טיי בפרט, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף דעם שטאַט ניי־זיד־וועילס מער ווי אויף די אַנדערע פינף שטאַטן. דאָס צוליב די פאָלגנדע סיבות:

א. ניי־זיד־וועילס איז דער עלטסטער און מייסט־באַפעל־קערטיר שטאַט.

ב. ניי־זיד־וועילס איז געוועזן דער ערשטער שטאַט אין אויסטראַליע, וואָס האָט דערלאַנגט אַן אייגענע רעפּרעזענטאַ־טיווע רעגירונג.

ג. די פּאָליטישע אַנטוויקלונג אין ניי־זיד־וועילס האָט די־רעקט באַאיינפלוסט די פּאָליטיק פון אַלע אַנדערע שטאַטן.

ד. די אויסטראַלישע לייבאָר־פּאַרטיי איז געבוירן געוואָרן אין ניי־זיד־וועילס.

באַלד נאָכדעם, ווי ניי־זיד־וועילס איז געוואָרן אַ זעלבסט־רעפּרעזענטיווע רעגירונג (אין יאָר 1856) זענען זיינע הויפּט־פּאַרטייען געוועזן: די „ליבעראַלן“ און „פּראָגרעסיוון“, אָדער ווי מען פלעגט זיי רופן: די „פריי־טריידערס“ און „פּראָטעקציאָ־ניסטן“. די פריי־טריידערס האָבן זיך געהאַלטן ביים פּאָליטישן גלויבן, אַז אויסטראַליע איז און מוז זיין אַ לאַנד, וואָס פּראָדו־צירט נאָר רויע מאַטעריאַלן, ווי צ. ב. ש. ווייץ, וואָל, פּוטער, פליייש, א. א. וו. פאַרן וועלט־מאַרק; אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען